# העלף מיר גאָטעניו

העלף מיר, גאָטעניו, איבער׳ן וואַסערל,
העלף מיר, גאָטעניו, איבער׳ן בריק;
מיר דערמאָנט זיך מיין טייער לעבען,
און שלאָפֿען שלאָף איך קיין נעכט ניט.

וויפֿיל נ׳אָוועטלעך מיר ביידע געזעסען,
וויפֿיל נ׳אָוועטלעך, שפּעט אין דער נאַכט;
וויפֿיל טרערעלעך מיר ביידע פֿאַרגאָסען,
און אונזער ליבע אַרויסגעבראַכט.

דיינע אויגעלעך, שוואַרצע קערשעלעך,
דיינע ליפּעלעך – צוקער־זיס;
דיינע בעקעלעך – ראָזע בלומען,
עס קומט פֿון דיר נאָך ביז היינט אַ קוש ...